בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום א' פ' אמור | כ"ח ניסן | תשע"א | פסחים: כ:

# באריכט:

## יומא דהילולא קדישא פון מרן רביה"ק זי"ע בצל הקודש פון בנו הגדול ומ"מ בקודש כ"ק מרן רבינו שליט"א

ערש"ק ארום א שעה פאר'ן זמן הדה"נ איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט מדליק געווען די גרויסע נרות נשמה לע"נ אביו מרן רביה"ק זי"ע בעל ההילולא.

דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען צו תפילת מנחה ארום 45 מינוט נאכ'ן זמן, דער רבי שליט"א האט געדאווענט פאר'ן עמוד אלע תפילות שב"ק ביום ההילולא, און נאכ'ן דאווענען איז דער ציבור אדוירך זאגן גוט שבת, און אלע געסט הבאים להסתופף בצל הקודש לרגל היומא דהילולא קדישא האבן געהאט די זכי' שלום צו נעמען פון רבינו שליט"א.

ליל שב"ק בערך אום 12:15 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום שלחן הטהור אין ביהמ"ד הגדול, מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א ראה"כ תו"י וויליאמסבורג, וועלכער האט יאהרן לאנג געהאט די זכי' צו זיין דער חברותא מיט מרן רביה"ק זי"ע בעל ההילולא יעדן פארטאגס. מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר אהרן שליט"א בן הרה"צ אבד"ק קהלתינו 15'טע עוו. שליט"א נכד בעל ההילולא זי"ע.

ביי די דברות קודש האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו, און אויסגעטייטשט בדרך דרוש אין די סוגיא פון מאכילין הקל תחלה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' מנחם בנציון ווארפמאן שליט"א רב דק' באטשוטש מאנסי, און מיט קה רבון עלם מכבד געווען מוה"ר יצחק מנחם הירש הי"ו פון ירושלים עיה"ק.

מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א, און דערנאך האט דער רבי שליט"א דערציילט עובדות וסיפורים פונע'ם גרויסן בעל הילולא אביו מרן רבינו הגה"ק זי"ע.

מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרבני הנגיד מוה"ר משה כהנא הי"ו פון בארא פארק וועלכער איז געווען אדוק ומקושר צום גרויסן בעל הילולא מרן רבינו זי"ע.

שב"ק בייטאג האט דער רבי שליט"א – ווי פריער באריכטעט אויך געדאווענט פאר'ן עמוד אלע תפילות, נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אברהם קליין הי"ו פון קרית יואל און דערנאך איז פאהרגעקומען א גרויסארטיגע קידושא רבה לרגל די הילולא קדישא ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש איבער'ן ענין פון די קדושת אכילה פון טאטע'ן דער רבי ז"ל.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק קדושים תהיו וגו' איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו, און ארומגערעדט פון די כח פון די פריערדיגע צדיקים אז אין זכות פון זייער יגיעה זעמיר אונז זוכה צו א מתנה מן השמים צו קענען דינען דעם אייבערשטן ווי עס באדארף צו זיין, און דער רבי שליט"א האט מאריך געווען בענין כח הצדיקים און דער כח פון א טאטן בעולם העליון.

❧•☙

מוצש"ק ארום 11:00 אזייגער האט זיך אנגעהויבן דער שטראם פון מאסן תלמידים וחסידי סאטמאר צום צענטראלן גרויסארטיגן סעודת הילולא אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, און ארום 12 אזייגער איז דער רבי שליט"א ערשינען צום פול געפאקטן ביהמ"ד הגדול ווען דער אויבן אהן איז אויך באצירט מיט צענדליגער דיינים ורבנים און אזוי אויך נכדי בעל ההילולא זי"ע.

דער רבי שליט"א האט זיך געוואשן צו די סעודה און דערנאך געמאכט דעם סיום הש"ס און נאכ'ן הדרן געזאגט דעם קדיש דרבנן.

במשך די גאנצע צייט האבן די עסקני קהלתינו הק' געמוזט צולייגן מערערע זיך פלעצער ביי די זייטן פונעם פאליש נאכדעם וואס דער שטראם פון אלפים משתתפים בלעיה"ר איז נישט געקומען צו אן אפשטעל דוירכאויס די גאנצע טיש.

ביי דער געלעגנהייט איז אויך אפגעהאלטן געווארן דער יערליכער מגבית לטובת כולל עצי חים לצדקת ר' מאיר בעה"נ פון בני ברק וועלעכע אנ"ש געשטיצט מיט גרעסערע סכומים צו שטיצן דעם כולל אין בני ברק וועלכער איז נוגע געווען ללבו הטהור פונען רבי'ן זי"ע, ביומא דהילולא קדישא .

מיט מכתם לדוד האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א מנהל ישיבת קהלת יעקב פאפא.

נאך די לענגערע דברות קודש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען אחיו הרה"צ שליט"א מיט ברכת המזון.

❧•☙

באלד נאכ'ן טיש האט זיך ווידער אמאל באנייט די שוין – ביזן דאן שטראם פון אלפים זקנים ונערים ארויף צום ציון הק' מקום מנו"ק פונעם בעל הילולא זי"ע אין אוהל הק' אויפן בית החיים ד'קרית יואל, צו וועמען אט די אלע אידן זענען געווען אזוי אדוק ומקושר כל ימי חייו, מתפלל צו זיין ביומא דהילולא ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

דער שטראם פון די טויזענטער אידן האט זינט דאן אנגעהאלטן ביז נעכטן –זונטאג שפעט אויפדערנאכט.

עס האבן זיך אנגעזעהן די פולע צדקה טישלעך פון מוסדותינו הק' בכל קצוי תבל וועמען אנשי שלומינו האבן ווארעם געשטיצט ארויפגייענדיג מתפלל זיין אויפן ציון פון רבי'ן זי"ע.

❧•❧

נעכטן – זונטאג אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל אינאיינעם מיט די בחורי הישיבות ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הבחורים התאומים בני מוה"ר יושע ארי' גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל, הב' בן מוה"ר ארי' ראטה הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר ישראל קנאפפלער הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר ישראל ווייס הי"ו, און הב' בן מוה"ר וואלף פריעדמאן הי"ו פון בארא פארק.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געפראוועט א מסיבת לחיים אינאיינעם מיט די בחורי הישיבות ווי מען האט געזינגען ניגוני התעוררות און דער רבי שליט"א האט געווינטשן לחיים.

דערנאך איז דער רבי שליט"א אינאיינעם מיט נאך הונדערטער אנ"ש און בחורי חמד ארויפגעגאנגען זיך משתטח זיין צום ציון הק'.

ביים טויער פון בית החיים האט דער רבי שליט"א געמאכט די ברכה ברכת מחיה מתים און דערנאך ארויף צום אוהל ווי דער רבי שליט"א האט געצינדן די ליכט און אנגעהויבן מיט גרויס התעוררות די תפלה פון שלום עליך פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע, און דערנאך געווען בעל תפלה ביי תהילים, וועלכער איז געזאגט געווארן מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש.

נאך קדיש האט דער רבי שליט"א געלערנט משניות מס' מקוואות דערנאך געזאגט קדיש דרבנן.

דאן האט דער רבי שליט"א פאר א לענגרע צייט געליינט קוויטלעך און דערנאך געמאכט השתטחות אויפן ציון הק', און דערנאך האט דער רבי שליט"א פארלאזט דעם אוהל הקדוש.

❧•❧

אין די נאכמיטאג שטונדן האט זיך מרן רבינו שליט"א געפונען אין בארא פארק ווי דער רבי שליט"א האט מנחם אבל געווען ש"ב בני הגה"צ מ'קירלהאז זצ"ל וועלכע זיצן אצינד שבעה ל"ע נאך זייער מוטער ע"ה.

❧•❧

דאן איז דער רבי שליט"א געווען אויף א ביקור גומלין ביי הגאון ר' אלי' שטערנבוך שליט"א ראב"ד אנטווערפן אין זיין אכסניא אין מאנסי ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינר שמועס דבדרי תורה און נאך.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול, פאר שחרית איז אין ביהמ"ד אוהל פיגא פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' משה אלי' ווערצבערגער הי"ו פון קרית יואל, נאכ'ן דאווענען אין איז ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שמואל מאיר דייטש הי"ו ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום הויף פון מוה"ר אברהם לייב בראך הי"ו ווי דער רבי שליט"א האט געמאכט ברכת אילנות.

אין די נאכמיטאג שעה'ן איז דער רבי שליט"א געווען אין בית השחיטה ווי דער רבי שליט"א איז איבערגעגאנגען דעם גאנצן סדר השחיטה מיט בחורי חמד תלמידי הישיבה הגדולה לומדי חבורת יורה דעה.

## מעמד פתיחת ביהמ"ד ללימוד התורה בביהמ"ד החדש ברך משה אין וויליאמסבורג

היינט אוונט וועט אי"ה פאהרקומען א פרייליכער מעמד "פתיחת ביהמ"ד ללימוד התורה" אין בית מדרשינו החדש והמפואר ברך משה אויף סקילמאן סט. אין ניי וויליאמסבורג געגנט, ווי אלס פרישע רינגעלע אינע'ם הערליכן קייט פון הרבצת התורה פון די פעולות פון התאחדות אברכים שע"י קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג, וועט אי"ה באנייט ווערן דאס ביהמ"ד מיט לימוד התורה, און ווי עס ווערט ערווארטעט וועט דער ארט שנעל פארוואנדלעט ווער אין א מעכטיגער מבצר פון תורה אינעם גאנצן אומגעגנט.

דער היסטארישער מעמד וועט אי"ה געפראוועט ווערן מיט די באטייליגונג פון הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א, און ווי אויך דער משפיע רוחני פונעם ביהמ,ד הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א ראה"כ תו"י, וועלכע וועלן אי,ה אויפטרעטן לכבוד דעם מאורע.

*-כה יתן ה' וכה יוסיף-*
*– ילכו מחיל אל חיל –*

## יומא דהילולא קדישא בקהלתינו הקדושות בכל קצוי תבל

### לאנדאן יצ"ו

אין לאנדאן האבן אנ"ש אפגעראכטן די הילולא פון רבינו זי"ע מיט גרויס התרוממות.

שב"ק ביי שלש סעודות האט הגה"צ אבד"ק דקהלתינו שליט"א משמיע געווען דברי תורה לכבוד די הילולא, און ארומגערעדט מענינא דיומא.

און ווי שוין באריכטעט איז דער צענטראלער סעודת הילולא פאהרגעקומען אום זונטאג נאכט העעל"ט ביי די גרויסארטיגער דינער לטובת דער בית רחל פון לאנדאן.

דער מעמד איז אפגעראכטן געווארן אין די גרויסע זאל פון יסודי התורה מיט די באטייליגונג פון הונדערטער אנשי שלומניו תושבי עיה"ב לאנדאן ובראשם רבני ודייני העיר שליט"א ועל צבאם הגה"צ רב דקהלתינו הק' שליט"א.

געעפענט די מסיבה האט דער יו"ר בנש"ק מוה"ר ישראל יעקב פרענקל הי"ו, דאן האט אויפגעטרעטן בשם די הנהלת גשמיות פון די בית רחל מוה"ר מענדל ווייס הי"ו, און נאכגעפאלגט האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אהרן מנחם עסטרייכער שליט"א מו"ץ בקהלתינו זוהן פון הרבני הנגיד מוה"ר יעקב הי"ו, וועלכער האט גערעדט בשם די הנהלת רוחניות.

דורכאויס דעם גאנצן אוונט האט זיך שטארק דערקענט די שווערע ארבעט און אוממערמידליכע כוחות וואס זענען אריינגעלייגט געווארן אינעם הצלחה פונעם מעמד דורך די מסי"נ עסקנים מוה"ר

פנחס מאנן הי"ו און האברך מוה"ר יואל פרענקל הי"ו. ווי אויך האט זיך אוועקגעגעבן פאר'ן דינער און בשעת'ן דינער הרה"ח מוה"ר יצחק מאיר קאפפעל הי"ו מנהל שבת אחים.

דאן האט מען געהאט די געלעגנהייט צו הערן די טרעפליכע אינהאלטסרייכער דרשה פונעם ספעציעלן גאסט הרה"ג ר' יעקב אלעזר מענדלאטוויטש שליט"א פון קרית יואל וועלכער האט אויפגעטרעטן אלס אורח הככבוד.

נאך די דרשה פונע'ם אורח הכבוד האט מען זיך ביותרת הכבוד צוגעהערט צו די דרשה פון הגה"צ דער מרא דאתרא לאנדאנער רב שליט"א. און דערנאך האט אויפגעטרעטן הגה"צ אבד"ק ור"מ דקהלתינו הק' שליט"א מיט קורצע דיבורים צילוב די שפעטע שעה און האט נישט געוואלט עובר זיין אויף תקנת רבינו שליט"א נישט צו ענדיגן שפעטער ווי 11:00 אזייגער.

מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן דער רב שליט"א.

## סעודת הילולא אין קהלתינו הק' אנטווערפען יצ"ו

דעם מוצאי שב"ק פ' קדושים כ"ו ניסן יומדה"ק פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז פארגעקומען די "סעודת הילולא" בהיכל בית מדרשינו אין אנטווערפען. נאכן זיך וואשן צו א רייכע סעודה ביי שיין געדעקטע טישן האט אויפגעטראטן מיט א דרשה הרה"ג ר' שמואל לעוו שליט"א מו"צ בק"ק יטב לב ד'סאטמאר לאנדאן יצ"ו וועלכער האט ארומגערעדט שיינע ענינים פונעם רבי'ן ז"ל בעל ההילולא, און דערנאך האט ער ארויסגעברענגט זיין געוואלדיגע התפעלות פון די שיינע קהלה נאה וחסודה דאהי אין אנטווערפען האבנדיג די געלעגנהייט דאס מיטצולעבן וויילנדיג אין שטאט במשך דעם פארגאנגענעם יו"ט פסח.

א שטילקייט האט דערנאך געהערשט ווען א ספעציעלער גאסט פון ניו יארק הרבני החסיד מוה"ר מאיר שטיין שליט"א מזקני חסידי רבותיה"ק האט אויפגעטרעטן און פארציילט גאר שיינע סיפורים וענינים, ווען דער ציבור שלינגט דערביי מיט דורשט זיינע ווערטער.

מיטן מאכן דעם סיום משניות אויף סדר מועד וואס איז געלערנט געווארן דורך אנ"ש לעילוי נשמתו הטהורה פונעם רבי'ן זצ"ל, איז נתכבד געווארן הרה"ג ר' עזריאל גרין שליט"א משגיח ישיבת עץ חיים ווילרייק

מיט ברכת המזון איז מכובד געווארן הרה"ח ר' ליפא בערקאוויטש הי"ו ראה"ק דקהלתינו הק'. און אין א שפעטע שעה איז זיך דער ציבור צוגאנגען מיט א פעסטע קבלה ממשיך צו זיין בדרכו של אותו צדיק.

## געהויבענע טעג אין קהלתינו הק' אין ירושלים בימי ההילולא של רבינו הק' זי"ע

א געהויבענער שבת איז אפגעראכטן געווארן אין ירושלים עיה"ק אין די טעג. די ימי ההתרוממות האבן זיך אנגעהויבן מיט'ן לעכטיגן שב"ק און האבן ממשיך געווען מוצאי שב"ק ביים סעודת ההילולא.

ליל שב"ק האבן זיך איינגעזאמלט א גרויסער עולם אין שפיץ האבן ארויסגעשיינט די צוויי חשובע געסט וואס זענען מפאר זיין דעם מאורע. דער ערשטער גאסט הרה"צ ר' שמואל בראך שליט"א, מנאנאש, און דער צווייטער גאסט איז געווען הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א, וואס איז געקומען מיטהאלטן דעם געהויבענעם שבת.

צו תפילת מנחה איז צוגעגעאנגען דער נאנאשער רב און מיט קבלת שבת איז מכובד געווארן הרה"ג ר' מאיר צוויבל.

ליל שב"ק איז ווי באריכטעט פאר שבת פארגעקומען צוויי באטעס, איינס האט אנגעפירט דער נאנאשער רב בבית בנו הרה"ג ר' יחזקאל שרגא בראך שליט"א. אין שטוב פון ר' יחזקאל האבן זיך צונויפגעזאמלט א גרויסער ציבור אין שפיץ פון די ראשי כוללים און מנהלי המוסדות, וואו דער גאסט האט משמיע געווען עובדות איבער'ן בעל ההילולא און מ'האט געזינגען שירות ותשבחות ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

נאך א באטע איז פארגעקומען פאר די בחורי הישיבה, אין וואו עס האט אנגעפירט דער גרויסער גאסט הרה"ג ר' מאיר צוויבל, אין וואו עס איז אויך געהערט געווארן עובדות פונעם בעל ההילולא און מ'האט געזינגען שירות ותשבחות מיט גרויס דביקות.

בייטאג האט מען אויך דערקענט א גרויסער ווארעמקייט דאווענדיג אין ביהמ"ד וואס איז קרוי על שמו של בעל ההילולא. פאר'ן לייענען איז דער דיין ארויפגעגאנגען אויפ'ן ארון הקודש און גערעדט זייער ווארעם איבער התחזקות בעניני תפילה, וואס ווי בארימט האט דער בעל ההילולא אוועקגעלייגט דערויף גרויסע כוחות.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א רייכער קידושא רבה, אין ליכט פון צוויי קדשים להולדת הבנות מחברי הקהילה און אויך לזכרו פונעם בעל ההילולא. ביים קידוש האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יחזקאל בראך שליט"א און גערעדט בגדלות פונעם בעל ההילולא און וואס מ'קען זיך אפלערנען פון אים.

## סעודת הילולא מוצאי שב"ק

מוצאי שבת איז אהערגערישט געווארן א שיינע יארצייט סעודה. צום סעודה האבן געשטראמט א ריזיגער ציבור פון אלע שיכטן און קרייזן.

געעפענט דער מעמד האט דער יו"ר המעמד הרה"ג ר' שלמה באנעט שליט"א ראה"כ כולל מצוינים דסאטמאר. דער יו"ר האט מכבד געווען הרה"ג ר' שלום שניצלער שליט"א מיט'ן מאכן די סיום.

נאכדעם איז ארויפגערופן געווארן הגאון הגדול ר' יהושע כהן שליט"א, וועלכער האט מיט זיין אויסערגעוועונליכער חריפות ובקיאות ארויסגעברענגט די גדלות פון רבינו בעל הברך משה, און אויך דערציילט כמה עובדות וואס ער האט געהאט פערזענליך מיט'ן בעל ההילולא, אין וואו עס האט זיך ארויסגעשיינט זיין קדושה, צדקות, וגאונות.

נאך אים האט גערעדט הגה"צ דומ"צ דקהלתינו בירושלים שליט"א, דער דיין האט גערעדט איבער די באדייט פון אזא טאג און וואס מ'דארף זיך אפלערנען פונעם בעל ההילולא.

נאך אים איז מכובד געווארן דער גאסט רעדנער הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א, וועלכער האט נאכ'ן מרבה זיין מיט שיינע בליציגע געדאנקען ארומגערעדט פון זיין קירבה צום בעל ההילולא און פון זיינע געהויבענע וועגן, וואס איז א וועגווייזער פאר אונז.

צום סוף האט מען געמאכט דער קמחא דפסחא גורל אויף א נסיעה צו פארן שבועות קיין אמעריקע

להסתופף בצל הקודש. דער זוכה אינעם גורל איז געווען דער בארימטער ספרא רבה וטעסקן נמרץ הר"ר יוסף לייב יאקאב הי"ו

מיט ברכת המזון איז מכובד געווארן הגה"צ דער דיין שליט"א.

***-זכותו הגדול יגן עלינו-***
***-האט'ס געפועל'ט אלעס גוט'ס-***

## מעמד "חלוקת פרסים" פאר תלמידי "ישיבת בין הזמנים" שע"י קהלתינו הק' אין אנטווערפען

ווי שוין געמאלדן איז דעם בין הזמנים נתחדש געווארן די "ישיבת בין הזמנים" בהיכל בית מדרשינו אין אנטווערפען, ווי צענדליגע בחורים זענען געזיצן יעדן טאג און געלערנט אפאר שעה, ווי אויך איז רעגלמעסיג געהערט געווארן שיעורים פון אידן ת"ח ובעלי דרשנים.

לרגל דעם סיום פון די לימודים איז דעם זונטאג פ' אמור העעל"ט פארגעקומען א "מעמד חלוקת פרסים" ווי עס איז פארטיילט געווארן מתנות פאר אלע בחורים וועלכע האבן זיך רעגלמעסיג משתתף געווען ביי די סדרי הלימודים.

די מעמד איז באשיינט געווארן דורך הגאון ר' אהרן שיף שליט"א גאב"ד מחזיקי הדת אנטווערפען וועלכער האט אויך א לענגערע צייט משמיע געווען שטארקע דברי חיזוק פאר די בחורי חמד, און האט דערנאך פארטיילט די מתנות.

אויך האט גערעדט הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ בקהלתינו הק' - וועלכער איז געווען דער רוח החיים פון די ישיבת בין הזמנים - וועלכער האט ארויסגעברענגט לשבח די טייערע בחורים, און האט זיך אויך באדאנקט פאר אלע וועלכע האבן צוגעהאלפן בכל גופם ונפשם.

באזונדער האט ער זיך באדאנקט בשער בת רבים פארן פטרון פון די ישיבת בין הזמנים, ה"ה הרבני הנגיד מוה"ר עוזר חיים הכהן פריעד הי"ו וועלכער איז פון די ערשטע מינוט אן געשטאנען צו די רעכטע האנט לבל יחסר המזג, ישלם ה' פעלו הטוב ותהי משכורתו שלימה.

***-כי הם חיינו ואורך ימינו-***

## שריפה ברעכט אויס אין בית מדרשינו אין ירושלים

בעצם ליל שב"ק אינמיטן וואס ס'איז געפראוועט געווארן די באטע פאר די בחורים בראשות דער חשוב'ער גאסט הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א, האט אויסגעפלאצט א פייער אין איינע פון די דערנעבנדיגע צימערן פונעם ביהמ"ד, בחסדי שמים איז די פייער נישט אריין אינעם היכל הביהמ"ד, און ב"ה עס איז נישט געווען קיין געשעדיגטע בנפש.

די פייער האט איבערגעלאזט א גרויסע שאדן וואס ווערט געשאצט פון שווערע טויזנטער דאלארן.

אין די נאנטע וואכן וועט די הנהלת הביהמ"ד ארויסגיין מיט א "בדק הבית קאמפיין" צו קענען אויסצאלן די גאנצע שאדן און אזוי אויך צו קענען ווייטער פירן דעם שווערן פינאנצעלע עול וואס עס ליגט אויף די הנהלת הביהמ"ד.

שבת אינדערפרי פארן ליינען האט הגה"צ דומ"ץ סאטמאר ירושלים שליט"א מעכב געווען די קריאה, און מעורר געווען דעם ציבור מיט א קול חוצב, אז יעדער מוז מאכן א חשבון הנפש לאור די מאורע

וואס האט פאסירט בעצם יום שב"ק ובעצם די יומא דהילולא פון מרן זי"ע, וואס דער ביהמ"ד איז דער ערשטער ביהמ"ד וואס איז גערופן געווארן אויף זיין נאמען.

דער דיין האט אויפגעפאדערט אז יעדער איינער זאל זיך מקבל זיין נישט צו רעדן ביים דאווענען, און קומען באצייטנס אין ביהמ"ד.

מיט די הילף פון חשוב'ע עסקנים האט מען מצליח געווען צו ערלעדיגן פרישע מזונות און משקאות לרגל די קדישים וואס איז געפראוועט געווארן לרגל עטליכע געבוירן פון מיידלעך, און לרגל די יומא דהילולא קדישא.

✥•✥

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**